# תוהו ובוהו

פון אב. גאלדבערג

עס זענען געווען צייטען, ווען יודען, באטיי רעדשלאגען און רעדנדרונגט, האבען נישט מורא געהאט ארויסצוזאגען אפען זייער מיינונג וועגען דער פיהרונג פון די פעלקער ארום זיי. זיי האבען זיך נישט געשראקען ארויסצוקומען מיט א קריטיק און אנווייזען אויף דעם אונטער־שיד צווישען אונז און זיי. זיי האבען אפילו נישט מורא געהאט פאר א „שפוך חמתך“. זיי זענען געווען ווייניגער דיפ־לאמאטען און מעהר אויפריכטיג, און אויב מען האט זיי געשלאגען און גע־פייניגט, האבען זיי דעניגסטענס נישט מורא געהאט צו געבען פולען אויסדרוק צו זייערע בּיטערע געפיהלען, ווייל און הארצען בּיי זיך האבען זיי געפיהלט, אז זיי שטעהען אויף א העכערער מדרגה, אז זיי זענען „רחמנים בני רחמנים“, און לעבען לויט דער מדה פון מענשליכקייט, פון העכער עטיק און מאראל. און דאס, וואס זיי האבען געפיהלט און הארצען, האבען זיי אויך נישט מורא געהאט צו ערקלערען בריש גליה, אפען פאר דער גאנצער וועלט. ווייניגסטענס האבען זיי געהאט די מאראלע בּעפרידיגונג, אז זיי האבען נישט פערבעהאלטען זייער שאר־פע קריטיק געגען דעם אויפפיהר פון דער וועלט, געגען דעם צביעות, די קאלט־בלוטיגע מערדעריען, הארצלאזיגקייט און בּיזוויליגקייט, מיט וועלכער די פעל־קער, די גויי הארץ, פיהרען זיך אויף.

אינצט האבען מיר דערלעבט אנדערע צייטען. נישט נאר קריטיקירען יודען נישט מעהר דעם אויפפיהר פון דער

# די נקמה

ערצעהלונג

פון יצחק יאנאסאוויטש

# פון שבת צו שבת

בעטראכטונגען און אויס־טייטשונגען פון דער סדרה

פון קרן

## וארא

